# פרשת דברים כ"ז תמוז - ד' אב תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת דברים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של ש"ב הרבנית מאנדלאוויטש ע"ה (אשת הרה"ג רבי **חיים אלעזר מאנדלאוויטש** שליט"א, ובתו הבכירה של **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**), שהתקיים לפני בית המדרש סערדאהעלי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג לניחום אבלים אצל משפחת בוכינגער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **ישראל חיים בוכינגער** הי"ו), ואצל משפחת ראזענטאהל שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **מרדכי יעקב ראזענטאהל** הי"ו).

*

***יום שלישי פרשת דברים***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כתה ט' של תלמוד תורה בית דוד במאנסי (כיתה של הרב **עזריאל מנחם ליכטמאן** שליט"א) להבחן אצל **רבינו שליט"א** על הלימוד שלמדו במשך השנה. אחר כך השמיע להם **רבינו שליט"א** דברי חיזוק, וחילק להם התעודות הצטיינות.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** בין באמת נתפעל געווארן ווי שיין יעדער איינער האט געקענט, גמרא מיט תוספות. עס איז נישט קיין גרינגע מסכתא, איך פארשטיי אז עס ליגט אסאך פלאג פון תורה וואס מען האט אריינגעלייגט, אז מען זאל קענען ווי עס דארף צו זיין. - דעם קומענדיגען יאר גייט מען שוין אריין אין ישיבה קטנה, יעצט הייבט זיך אן דער עיקר פונעם לערנען. מען גייט ארויס פון חדר, און מען גייט אריין אין ישיבה. די שענסטע יארן פונעם לעבן, זענען די יארן. און אז מען נוצט עס אויס ווי עס דארף צו זיין, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם, א ערליכער יוד. ואם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. מען איז גליקלעך אויף די וועלט, און מען איז גליקלעך אויף יענע וועלט. עס קומט נישט אן גרינג, אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), אין דברי תורה מתקיימת, אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:), מען דארף זיך הרג'ענען, מען דארף אלעס אוועקגעבן פאר תורה. אזוי ווי א מענטש וואס איז טויט, וואס עס אינטערעסירט אים שוין נישט די וועלט, אזוי דארף אים גארנישט אינטערעסירן, נאר צו קענען וואס מען לערנט, און ליגען אין תורה, דעמאלטס איז מען מצליח. תורה איז א שמירה מען זאל זיין אפגעהיטן, און מען זאל זיך קענען פירן ערליך, און נישט טון קיין עבירות. די גמרא (קידושין ל:) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, אז מען ליגט אין לערנען, דעמאלטס האט מען א כח אקעגען דעם יצר הרע. און טאמער דאס פעלט, אויב עס איז נישט דא קיין תורה, ווערט דער יצר הרע דער בעל הבית אויפן מענטש.

**עס** איז די טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש. עס שטייט אין מדרש (פתיחתא איכה ב), אז דער אייבערשטער האט געזאגט, איך בין מוותר אויף די הארבסטע עבירות, אויף עבודה זרה, אויף גילוי עריות, און שפיכת דמים, איך קען אויף דעם פארקוקען. אבער לא וויתר על מאסה של תורה, דער אייבערשטער האט נישט מוותר געווען אויף דעם וואס מען האט מואס געווען אין תורה. פארוואס, ווייל ווילאנג מען האט תורה, אפילו מען פאלט אמאל, א מענטש האט א ירידה, האט ער אבער די כח אז ער זאל זיך קענען דערהייבן. אבער טאמער עס פעלט תורה, איז נישט דא וואס עס זאל אים דערהייבן. און אז מען הייבט אן צו גליטשען, גליטשט מען זיך אראפ אינגאנצן. אבער טאמער מען האט תורה, קען מען זיך אמאל דערהייבן. אפילו ער האט געזינדיגט מיט גילוי עריות און שפיכת דמים, הארבע עבירות, דער אייבערשטער איז א ארך אפים, עס וועט קומען אמאל א טאג, וואס ער וועט זיך צוריקכאפן, און ער וועט תשובה טון דערויף. דער יצר הרע האט זיך יעצט מתגבר געווען אויף אים, אבער שפעטער וועט ער תשובה טון. אבער אויב עס איז דא מאסה של תורה, עס איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא וואס עס זאל אים צוריקברענגען שפעטער, איז דער אייבערשטער נישט מוותר אויף די עבודה זרה וואס מען האט געדינט.

**מען** דארף שטענדיג געדענקען, הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה (אבות ב-א). עס קומט אן שווער צו לערנען, עס קומט נישט אן גרינג, מען דארף זיך פלאגן דערויף, און נישט קוקען אויף אלעם ארום און ארום, אבער שפעטער

איז גוט. צדיקים תחלתן יסורין וסופן שלוה (ב"ר סו-ה), עס איז טאקע דא יסורין. דער וואס וויל נישט נעמען אויף זיך דעם עול תורה, איז פארקערט, עס איז תחלתן שלוה, יעצט האט ער א גרינגען טאג, אבער עס איז סופן יסורין, צום סוף וועט ער נישט אנקומען אין ערגעץ. - דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אי"ה, אזוי ווי עטץ קענטס די מסכתא, זאל מען ווייטער אי"ה קענען אסאך מסכתות, וואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און מיר זאלן זוכה זיין אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה פארן גאנצן כלל ישראל.

*

***__יום רביעי פרשת דברים__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל ש"ב הרה"ג רבי **חיים אלעזר מאנדלאוויטש** שליט"א ובניו, שישבו שבעה על פטירת אשתו/אמם הרבנית מאנדלאוויטש ע"ה (בת כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א).

***__וזה תוכן השיחה:__***

**הרה"ג רבי חיים אלעזר שליט"א:** איך האב נישט באמערקט אז דער פעטער איז ביי די לויה, איך האב געוואלט מכבד זיין מיט א הספד.

**רבינו:** איך האב נישט געוואלט קאליע מאכען ווי גוט עטץ האטס גערעדט.

ווען זי איז געבוירן געווארן איז געווען א גרויסע שמחה אין די משפחה. זי איז געבוירן ערשט פיר יאר נאך די חתונה, זי איז געווען די ערשטע אייניקל ביי מיינע עלטערן. זי האט איבערגעלאזט שיינע דורות.

**הגרח"א:** זי האט מיר אמאל געזאגט, אז זי פלעגט אסאך מאל שלאפן ביים זיידען, דער **סאמבאטהעלער רב**. און אינמיטן די נאכט פלעגט ער זיצען איבערגעבויגען איבערן שטענדער מיט א **ראשית חכמה**.

**רבינו:** זיין מוסר ספר איז געווען ראשית חכמה. די בלעטער דערפון זענען געווען אויסגענוצט מער פון א סידור.

**בנה הרב יהושע מאנדלאוויטש שליט"א:** זי האט געזאגט אז ער פלעגט זיצען [אפשר פארן דאווענען] און וויינען און וויינען איבער א ראשית חכמה.

**הגרח"א:** איך געדענק ווען איך האב געהאט די ערשטע קינדער, די זיידע פלעגט זיך אזוי משתעשע זיין מיט די אייניקלעך, ער פלעגט זיי גריסען פארן גיין אין סקול, די באבע איז נישט געווען געזונט, דאס איז געווען זיין חיות[א].

**רבינו:** וויפיל יאר איז זי געווען א מנהלת?

**הגרח"א:** אין פאפא איז זי געווען זעקס יאר, ניינצן יאר אין בעלזא, און פינף יאר אין סאטמאר.

זי האט זייער אסאך זכותים. מען האט אלץ געוואוסט בערך דעם היקף וואס זי טוט, אבער עס איז נישט צו פארשטיין וויפיל עס איז אריינגעגאנגען אין א טאג. ווען זי איז געווען מנהלת אין בעלזא האט זי געהאט אונטער זיך פערצן הונדערט קינדער, זי האט טאקע געהאט פרינציפול"ס, אבער זי האט אלעס געוואוסט וואס עס טוט זיך.

**רבינו:** יעדעס קינד איז א עולם מלא פאר זיך, און מען דארף וויסן ווי אזוי צוצוגיין צו יעדעס קינד אנדערש.

**הגרח"א:** זי פלעגט אהיימקומען פיר אזייגער, און יעדע נאכט פלעגט זי זיין פארנומען אויפן טעלעפאון. מען פלעגט איר רופן פון אנדערע מוסדות, פון לאנדאן פלעגט מען רופן. זי האט געקענט רעדן צוויי דריי שעה ארויסהעלפן מיט א עצה וכדומה. זי פלעגט ארומגיין אין אנדערע מוסדות זאגן שיעורים אין השקפה, און הלכות יחוד.

**רבינו:** און זי האט געהאט צייט פאר די גאנצע משפחה, זי האט נישט פארפעלט ביי די שמחות אין די משפחה. מען געפונט אין די גמרא (ברכות לב:) אז די חסידים הראשונים האבן געהאט א ברכה אין די צייט. מען האט געהאט צייט צו דאווענען און צו לערנען. די וועלט זאגט, 'אריכת ימים', די טעג זאלן זיין לאנג, מען זאל קענען אסאך אריינלייגען דערין.

**הגרח"א:** איך האב אמאל געהערט פונעם פעטער, ווען דער פעטער האט גערעדט צו די אלטע יודען אין סאמבאטהעלי (בסעודת הילולא של **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** ערב שבועות תשמ"ט, נדפס **בשמן ראש** חלק ראשון השלם במדבר דף כז). ויהי מקץ שנתים ימים (בראשית מא-א), ווען א מענטש איז יונג, און ער האט

---

[א] נעתיק מתוך דרשת ז' אדר שהשמיע **רבינו שליט"א** בהאי שתא: הן אני נתגדלתי בבית **אבא מארי זצ"ל**, בית עם יסודות חזקות ברוחניות ובגשמיות, בית של שלוה ורוח נוחה, גם במצבים היותר קשים. ואבא מארי זצ"ל היה מנצל כל שעה לתורה ועבודה, מכל מקום כאשר בא אחד מהילדים או הנכדים לבקר, היה שעה זו מופנה רק אליו, ולא חס על זמנו, כדי לחזק קשר האהבה המשפחתי, כדי שאחר זה יתקבל השפעתו עליהם.

א התעוררות, קען ער נאך אויפטון. אבער א עלטערע יוד ביי די אכציג יאר, וואס וועט ער שוין אויפטון, ער האט נאר צו לעבן אפאר יאר. 'ויהי מקץ', ווען מען קומט צו די ענדע פונעם לעבן, 'שנתים', פון די יארן, 'ימים', דארף מען מאכען טעג, מען האט נאך אסאך טעג צו לעבן, און מען קען נאך אסאך אויפטון.

**רבינו:** איך האב אמאל געהערט, 'ויהי מקץ', ווען מען קומט אויף די עלטער, און מען קוקט צוריק, זעהט מען, אז 'שנתים', מען האט פארשלאפן, ימים, די טעג.

**הגרח"א:** היינט איז דער סדר מען מאכט נאך ווי אזוי יענער האט געטון. ביי איר איז נישט געווען אזא זאך, יעדע זאך האט זי אליין אריינגעטראכט וואס מען דארף טון. יעצט ווען עס איז געווען די מעשה מיט די ווירוס, האט זי מיר געזאגט, איך ליג אין בעט, און איך טראכט אריין, איך האב אזויפיל איידיע"ס וואס מען קען מאכען מיט מיידלעך אינדערהיים. זי פלעגט אלעמאל זאגען, איך קען מחנך זיין מיידלעך אזוי ווי אמאל, אזוי ווי פאר די קריג, מען לאזט מיך אבער נישט...

**רבינו:** מען וויל נישט...

**הגרח"א:** זי האט געהאלטן אז עס איז נישט ווייל דער דור איז שוואך, נאר די מיידלעך האבן נישט פון וואו מקבל צו זיין. צדיקים פלעגן צו זאגן, אז דער יצר הרע הייסט 'היינטיגע צייטן'.

**רבינו:** עס איז נאכנישט עולם התיקון.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** ובניו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** איך האב געזעהן נעכטן צוברענגען פון **רבי יחזקאל אברמסקי זכרונו לברכה**, אז ווען ער איז געזעסן שבעה, האט ער געזאגט, אז ער קען זיך נישט מונע זיין פון דברי תורה, ער זאל מסיח דעת זיין פון לערנען. האט ער געזאגט, אז עס איז דא א ירושלמי (מועד קטן פרק ג), אז ווען איינער איז להוט נאך תורה, מעג ער לערנען אפילו אין די שבעה אויך[ב]. און ער האט מסביר געווען, אז די חכמים האבן געזאגט אז מען זאל נישט לערנען, אוועקצונעמען שמחה. אבער די חכמים האבן נישט געהייסען אז מען דארף זיך מצער זיין. אזוי ווי ביי רחיצה געפונט מען, אז פאר א איסטניס האט מען נישט גע'אסר'ט רחיצה (**שו"ע** יו"ד שפא-ג), די זעלבע ווען איינער איז להוט נאך תורה, איז נישט דא א איסור פאר אים צו לערנען (הובא בספר **פניני רבינו יחזקאל** ח"א דף מח).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** תשעה באב?

**רבינו:** אויך. תשעה באב איז איין טאג, אבער שבעה איז זיבן טעג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער קען דאך לערנען, עס איז דא א גרויסע תורה צו לערנען (הל' אבילות).

**רבינו:** אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ (עבודה זרה יט.)

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אפילו אויף דעם האט מען אויך מקיל געווען.[ג]

**רבינו:** אזוי האט ער נאכגעזאגט, און ער צייכענט צו דארט א תשובה פונעם **לב אברהם** (חלק יו"ד סוף סימן צח) אז ער רעדט אויך פון דעם[ד]. דאס איז מסתמא פון **רבי אברהם ווײנפעלד זצ"ל** (רב דקהל דרך אמת במאנסי).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז געווען א שטארקער יוד, איך געדענק אים נאך.

**רבינו:** די געדאנק דערפון איז, אז שמחה איז אסור. אבער טאמער די זאך ברענגט אים צער, מעג ער זיך מונע זיין פון צער, אפילו מיט א דבר וואס איז משמח.

---

[ב] **בבית יוסף** (יו"ד סי' שפ"ד) מביא את הירושלמי, ומסיים דלא כתבוהו הפוסקים.

[ג] **בדעת תורה להגאון מברעזשאן זצ"ל** (סי' תקנ"ד) כתוב דאולי הירושלמי דמתיר בלהוט אחר התורה סבירא ליה כדעת היש אומרים **שבטור** (סימן שפד) דאבל אסור ללמוד גם בדברים הרעים. וכן כתוב **בשו"ת התעוררות תשובה** (יו"ד סימן קצב) ועיין עוד **בערוך השולחן** (יו"ד סימן שפ"ד ס"ג), **ובבן יהוידע** (ברכות כד:).

[ד] בדבריו שם מביא שכן נהג **הגאון הרוגאטשובער זצ"ל** שלמד בימי אבלותו ובתשעה באב, ובודאי טעמו היתה על פי הירושלמי דמי שלהוט אחר התורה מותר ללמוד. וכן מפורסם על גדולי ישראל קדושי עליון זי"ע שנהגו כך בימי אבלותם. ומה שלא הזכירו הפוסקים היתר זה, אולי משום דגם לענין רחיצה באיסטניס כתבו **בשו"ע** (סימן שפא סעיף ג) דלא כל מי שאומר שהוא איסטניס מתירין לו, אלא דוקא בידוע שהוא איסטניס ומתנהג בנקיות ואם לא ירחוץ יצטער הרבה וכו', ואם כן לגבי תורה יתכן שסתמו הפוסקים כיון דלא איכשר דרא, ולא שכיח כל כך שיהיה ממש בגדר צער ע"ש.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די וועלט דערציילט, אז דער הייליער **בוטשאטשער רב**, האבען אים די מתנגדים אמאל איינגעשפארט אין בית הכבוד אין הויף, דריי שעה איז ער געווען פארשלאסען. האט ער געזאגט נאכדעם, אז די יסורים וואס ער האט געהאט אז מען טאר נישט מהרהר זיין אין דברי תורה, האט ער נישט געהאט נאך אזעלכע יסורים אין זיין לעבן. דריי שעה האט ער זיך געמוזט שלאגען ער זאל קענען מצמצם זיין זיין מוח, זיך מונע צו זיין פון מהרהר זיין אין דברי תורה. תשעה באב און אזוי קען מען כאטש לערנען דברים המותרים, אבער דארט האט ער דאך נישט געקענט גארנישט, עס איז אסור מהרהר צו זיין בדברי תורה. דאס זענען געווען די יסורים פונעם בוטשאטשער רב...

**רבינו:** עס שטייט פון **רבי שלמה קלוגער** אז אין אמונה מעג מען מהרהר זיין (בספרו **חכמת שלמה** או"ח סימן פה).

**אב"ד טשערקאס:** עס שטייט פון **רבי דוד'ל דינובער** אין **צמח דוד** (פ' וישלח), אויף דעם וואס יעקב אבינו האט געזאגט ותרי"ג מצות שמרתי, אז יעקב אבינו האט נישט געקענט מהרהר זיין אין דברי תורה אין שטוב פון לבן, ווייל עס איז געווען א בית עבודה זרה. און חשב לעשות מצוה ונאנס מעלה עליו הכתוב כאלו עשאה (קידושין מ.), איז דורכדעם ותרי"ג מצות שמרתי[ה].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ולא למדתי ממעשיו הרעים (רש"י בראשית לב-ה), איך האב נישט געקענט לערנען, וועגן זיינע שלעכטע מעשים, וואס ער האט געהאט עבודה זרה.

*

**רבינו:** אז עס פאלט איין א דבר תורה אין בית הכסא איז עס מסטרא דקדושה, אדער נישט?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז געווען א חסידישער יוד וואס האט געהייסען דער **ניזנוב'ער רב** (**הגה"צ רבי יחיאל מיכל היבנער זצ"ל**), ער איז געווען א רבי'שע איניקל, ער האט זיך געדרייט ביי אסאך צדיקים, און ער שרייבט א מערכה אויף דעם, אין איינע פון זיינע ספרים (ספר **מיכלא דאסוותא** באות כ"ה, נ"א, צ"ט) אז עס איז זיכער מסיטרא דקדושה. און ער שרייבט אז פאר מיר אליין איז בייגעפאלען אסאך מאל חשובע דברי תורה, עס שטייט אין די גמרא (זבחים קב.) אז לאונסו שאני[ו].

דער **רבי ר' אלימלך** שרייבט אין **הנהגת האדם** (אות כ), אז מען זאל שטארק נזהר זיין נישט מהרהר צו זיין אין דברי תורה, ווייל דער בעל דבר פארלייגט זיך דוקא אויף דעם, אזא לשון האט ער, אז מען זאל טראכטען דברי תורה אין בית הכבוד[ז]. - ווען עס וואלט געווען מסיטרא דקדושה, וואלט ער זיך נישט פארלייגט דערויף, ער פארלייגט זיך נישט אויף א זאך וואס איז מסיטרא דקדושה, זעהט אויס אז ער ווייסט אז פון דעם האט ער וואס יונק צו זיין.

**רבינו:** ער פארלייגט זיך אז עס זאל נישט זיין לאונסו, נאר ער זאל מהרהר זיין בכוונה. אבער טאמער עס איז לאונסו, דאס הייסט אז ער האט געטון וואס ער האט געקענט.

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א:** עס איז געברענגט אין **נחלי בינה** אויף ראש השנה (דף שמט)

---

[ה] וזה לשונו שם: יש לדקדק האיך היה יכול לקיים שם כל התרי"ג מצות, הלא כמה מצות המה התלויים בארץ, ושאר עניני מצות שלא כל אדם יכול לקיימן. אמנם יש לומר על פי מה שסיפר א"א הרה"ק [**הבני יששכר**] זצללה"ה בשם **הבעל שם טוב נבג"מ** שאמר, כי פעם אחד היה בבית עכו"ם, והיה שמה עבודה זרה, וכשיצא משם אמר לתלמידיו שהוא בשמחה גדולה, מחמת שבשעה אחת קיים כל התורה כולה, כי עבודה זרה דינה כצואה, ואסור להרהר בדברי תורה במקום המטונף, נמצא במה שמשמר מחשבתו מבלי להרהר בשום דבר מדברי תורה, נחשב לו כאילו קיים כל התורה. והנה גם כאן בבית לבן היה מלא גילולים ותרפים, ומוכרח היה יעקב אבינו ע"ה בבואו לביתו, לשמור מחשבתו מבלתי להרהר שם בשום ענין מדברי תורה, ולזאת נחשב לו כאילו קיים כל התורה כנ"ל עכ"ד.

[ו] בספרו שם (אות כ"ה וצ"ט) כותב שנשאל על ידי **אדמו"ר הק' [רבי יהודה צבי (השני) מסטרעטין] שליט"א** כשנופל ברעיונו על ידי אונס איזה הרהור תורה במקום שאינו נקי, אם יותר אחר כך לזכור זה הדבר ולהביאו בכור הבחינה, או להשליכו גש הלאה כיון שלא ממקום קדוש יהלך. ואמרתי אני דזה מפורש בש"ס (זבחים קב:) דאמר רב דבר זה למדתי מרבי אלעזר בן רבי שמעון בבית הכסא ע"ש פלפול ארוך, ולבסוף פריך הרי אסור להרהר ומתרץ לאונסו שאני. והנה אי אפשר לומר דכל הפלפול נגמר שם דהרי תיכף כשבא הלימוד לאונסו היה לו לגרשו ממחשבתו, אם אונס הוא רק במחשבה וכו', ובעל כרחך הפשט היא דהתחיל לאונסו להרהר בזה, וכשבא למקום נקי סיפר התחלת הענין וגמרו, ורב קיבל ממנו וכו'. וכבר אמרו חז"ל (ברכות כב.) אין דברי תורה מקבלין טומאה, וגם אני בעניי לא מנעתי מלהציג בספרי דברים שעלה על רעיוני בעת ההיא ע"ש.

[ז] וזה לשון קדשו: וישמור עצמו מלדבר ומלחשוב שום דבר קדושה במקום מטונף, כי היצר הרע מתגבר דוקא להזכיר דבר קדושה במקום מטונף.

פון איינע פון די צדיקים, אז ראש השנה ווערט נגזר וויפיל התעוררות אין עבודת ה' זאל איינפאלן פארן מענטש דעם יאר. און טאמער ער האט מקלקל געווען, פאלט עס אים איין אין בית הכסא. עס איז משמע דארט אז עס קען פון דעם גארנישט ארויסקומען[ח].

**רבינו:** די שאלה איז, אויב עס איז איינגעפאלען, צו מען מעג עס נאכזאגן ברבים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווער ווייסט צו די תורה וואס עס פאלט אונז איין אין שטוב, וויפיל עס איז...

**רבינו:** אויף דעם האט ער דאך נישט קיין ברירה...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אבער על פי סברא אויב עס איז נישט מסטרא דקדושה, וועט עס נישט מעורר זיין יודען לעבודת ה'. עס איז אפשר א שיינע טייטש, אין איין אויער אריין און פון די צווייטע אויער ארויס.

**רבינו:** עס איז תלוי אין דעם, צו עס איז מסטרא דקדושה צו נישט[ט].

**א' מהנוכחים:** אויב עס פאלט איין אינמיטן דאווענען, וואס איז דעמאלטס?

---

[ח] כן כתוב בספר **בית יעקב** (ליקוטים ד"ה בר"ה דף צו ע"ג) בשם **הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע** וזה לשון קדשו: בגמרא (ראש השנה יז:) מראשית השנה ועד אחרית שנה (דברים יא-יב), אם הטיבו בני ישראל מעשיהם בראש השנה, ונגזר עליהם גשמים הרבה, ואחר כך הרעו מעשיהם, מוריד הגשם בלא עתו ועל המדבריות מקום לא זרוע, ולהיפוך מוריד מעט הגשם שנגזר בראש השנה בעתו ובזמנו ובמקום הזרוע. - כן האדם נדון בראש השנה על השפעות ומחשבות קדושות שיהיה לו בשנה, אמנם אם זכה להטיב מעשיו יושפע לו השפע קודש ומחשבות קדושות בעתו ובזמנו, כמו בשעת לימוד התורה והתפלה, ויוגדל ויוצמח ויעשה פרי, מה שאין כן ח"ו להיפוך הגם שנגזר עליו בראש השנה הרבה שפע קדושה, יושפע לו אחר כך במקום לא זרוע כמו במקום המטונף רחמנא ליצלן, אשר לא יוצמח מזה שום טוב ע"כ. והובא גם בספר **דברי ישראל** (פ' פקודי ד"ה ויקח).

[ט] ובספר **דברי תורה** (ח"ד אות צ') כתוב על דברי הגמרא (זבחים קב:) דאמר רב דבר זה למדתי מרבי אלעזר בן רבי שמעון בבית הכסא ע"ש, וכן בירושלמי (ברכות ג-ד) מהו להרהר בבית הכסא וכו' אמר רבי זעירא כל סבר קשי דהוה לי תמן סבירתיה, ופירש **הפני משה** אם היה לי איזה דבר קשה להבין אותו, שם בבית הכסא הבנתיו כאשר הייתי מהרהר בו. אמר רבי אלעזר בן רבי שמעון כל ההוא סברא קשיא דטבול יום תמן סבירתיה עכ"ל הירושלמי. ולכאורה תאחזמו רעד לכל קורא ויודע מי הוא מדבר, ולא אחר הוא התנא הקדוש רבי אלעזר בן רבי שמעון, אשר עליו נאמר (סוכה מה:) ראיתי בני עליה והן מועטין וכו' אם שנים הן בעולם אני רבי שמעון בן יוחאי ובני רבי אלעזר מהן, לא יזהר לכתחלה להשמר ולהרהר בדברי תורה בבית הכסא, אפילו שמותר בדיעבד לאונסו כנזכר מש"ס זבחים הנ"ל, וגם רבי זעירא שאמר דכל סברא קשה היה מעיין שם ח"ו שיהיו הדברים הנ"ל כפשוטן.

אלא ודאי הוא כמו ששמעתי מאאזמו"ר **הרה"ק מהר"ש [בעל שם שלמה] זי"ע** אבדפה"ק בשם קדוש אחד מדבר זי"ע (כמדומני בשם חו"ז **הרה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע** בעל **היכל הברכה**) דהענין והפירוש הוא כך, דלא הפירוש דכל מה שהיה סוברים ומעיינים בעומק היה שם, רק דגם אם אירע להם סברא שנפל בדעתם בבית הכסא, גם כן לא דחוהו, כיון שראו אחר כך שהוא סברא נכונה, אם כן הוא מן השמים להוציא הניצוץ הקדוש הזה שהוא בתוך העומק בור תחתיות, על כן נפל שם זה בדעתו, והוא סברא עמוקה באמתת קדושתה בעצם שהוא שכל הישר בדברי תורה, על כן לא יניח הניצוץ הלז לדחותו, ופירוש בזה כל סבר קשי דהוי לי תמן בבית הכסא, אף על פי כן גם כן סבירתיה וקבלתיה מטעם הנ"ל. וכן מה דאמר רבי אלעזר בן רבי שמעון האי סבר קשיא דטבול יום תמן סבירתיה, אפילו שנפל שם בדעתי בעל כרחך כנ"ל מש"ס זבחים, כיון שהיה סברא ישרה אם כן הוציא יקר מזולל לחשבו אחר כך בטהרת הקודש כנ"ל ע"כ שמעתי. וזהו דרכי התנאים והאמוראים שלא לדחות שום דבר נברא בעולם, כיון שהוא לצורך העלאת הנצוצות הקדושים מתוך בור שביה כנודע מדרך תלמידי **הבעל שם טוב הקדוש זי"ע** על פי דעת רבם הגדול הנ"ל עכ"ד.

וכעין הדברים האלו אמר **רבינו שליט"א** מדעתיה דנפשיה בסעודת משתה היין ביום הפורים דהאי שתא, דמה שאומרים הדברי תורה אלו במקום טהרה, מתקנים בזה מה שחשבוהו במקום שאינו נקי. - וביאר אז מה שאמרו בגמרא (מגילה טז.) כי הוה נקיט ואזיל בשבילא דבי המן, חזיתיה ברתיה דקיימא אאיגרא, סברה האי דרכיב אבוה והאי דמסגי קמיה מרדכי, שקלה עציצא דבית הכסא ושדיתיה ארישא דאבוה, דלי עיניה וחזת דאבוה הוא, נפלה מאיגרא לארעא ומתה. והיינו דכתיב (אסתר ו-יב) וישב מרדכי אל שער המלך, אמר רב ששת שב לשקו ולתעניתו. והמן נדחף אל ביתו אבל וחפוי ראש, אבל על בתו וחפוי ראש על שאירע לו ע"כ. ובפשטות הגמרא מתכוונת להביא כאן בעיקר את סופו של הפסוק אבל וחפוי ראש, אלא שאגב זה מביאים גם את תחלת הפסוק, וישב מרדכי וגו', ואת דרשת רב ששת על כך.

ויש לומר עוד, דכיון שנשפך על המן עציצא דבית הכסא, היה אסור לו למרדכי להרהר בדברי תורה נגד צואה וריח רע (ברכות כד:), ולא היה יכול להמשיך בתפלות תעניתו, על כן מיד אחר זה וישב מרדכי לשקו ולתעניתו. ויתכן שזה ששפכה בתו של המן עציצא דבית הכסא, היתה גם כן לתועלת למרדכי, דאמרו (שם) כי המונע עצמו מלהרהר בתורה במקום טינוף, שזוכה לאריכות ימים, ועליו הכתוב אומר (דברים לב-מז) ובדבר הזה תאריכו ימים ע"ש.

**רבינו:** עס איז נישט קיין עבירה, ער טוישט פון איין קדושה אויף די אנדערע קדושה.

**אב"ד טשערקאס:** דער **בעלזער רב** האט געזאגט אויפן **צאנזער רב**, אז דאס זענען געווען זיינע חטאת נעורים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער עלטער זיידע, דער **קול אריה**, האט געזאגט, אז די בעסטע פשעטלעך פלעגן אים איינפאלן ביים דאווענען. און זייט ער איז געווארן א חסיד, האט זיך עס ביי אים אויפגעהערט. ווען ער איז געווארן א חסיד, איז דער דאווענען ביי אים געווען אויף א אנדערע אופן. - זמן תורה לחוד, וזמן תפלה לחוד.

**הרה"ג רבי משה פלאם שליט"א אב"ד סטרעטין:** דער **בית יוסף** האט אמאל מאריך געווען בתפלה, און דער **אריז"ל** האט געשיקט א שליח, זאל אים ארייננזאגן אין די אויער עפעס א משנה. ער האט זיך פארהאקט אין עפעס א סוגיא, און ער האט נישט געקענט אויסגראדען.

**אב"ד טשערקאס:** דער **רבי ר' שמעלקא** האט געזאגט, אז מען זאל נישט פארגעסן פון דביקות ה' אינמיטן לערנען, מען זאל אים דערמאנען[י].

*

**רבינו:** איך האב געזעהן אין די גמרא (תענית כט.), אז ביים חורבן פונעם ערשטען בית המקדש איז תשעה באב געווען זונטאג, און די כהנים זענען געשטאנען על הדוכן, און זיי האבן געזאגט שיר, יצמיתם ה' אלקינו (תהלים צד-כג), וכבשום. רש"י זאגט, אז כאטש די שיר געהערט פאר יום ד', האט מען פון הימל ארייננגעגעבן אז זיי זאלן זאגען דעם שיר. נאכדעם זאגט די גמרא, אז די אויבים זענען אריינגעקומען אין בית המקדש ז' אב, דאס הייסט פרייטאג, און אלע דריי טעג אכלו ושתו וקלקלו בה. ווי אזוי קען זיין, אז זונטאג זענען זיי געשטאנען על השיר?

דאס שטייט אין די גמרא (תענית כו:), אז כאטש פון שבעה עשר בתמוז איז נישט געווען קיין תמידין, אבער מען קען זאגן שיר אן א קרבן אויך. די גמרא (ערכין יא:) ברענגט פון דעם א ראיה, אז מען קען זאגן שיר אן א קרבן. אבער צוויי טעג זיצען די גוים דארט אינוויינג, און די כהנים זענען געשטאנען על הדוכן און געזאגט שיר?!

דאס איז טייטש אין פשטות, אז כאטש די אויבים זענען געווען אינוויינג, און פון ז' אב ביז זונטאג אכלו ושתו וקלקלו, אז מען האט געלאזט זאגען שיר, האט מען געזאגט שיר.

**בנו הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ שליט"א:** מען מוז דאך נישט הוליענען דריי טעג אין איין ציה, עס קען זיין אז עס איז געווען א פאזע אינמיטן.

**רבינו:** איך וויל ארויסברענגען די חידוש, אז מען האט געזאגט שיר, ווען די אויבים זענען געווען אינוויינג.

**נכדו הרב הלל כ"ץ שליט"א** (בן הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א): מען זעהט שפעטער ווען מען איז געגאנגען אין גלות האבן זיי געבעטן שירו לנו משיר ציון (תהלים קלז-ג). עס קען זיין אז דארט אין בית המקדש האבן זיי אויך געבעטן אז מען זאל זינגען שיר.

**רבינו:** עס איז משמע אין די גמרא, אז ווען זיי האבן געזאגט וברעתם יצמיתם, האט מען נישט געלאזט צוענדיגען יצמיתם ה' אלקינו, איז משמע אז עס איז נישט געווען מרצונם אז זיי האבען געזאגט די שיר.

**בנו הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א:** עס קען זיין אז יודען האבן אויסגעצויגען. אז מען האט זיי געגעבן רשות האבן זיי געזינגען אפאר שעה, דעם זונטאג'דיגען שיר, מיטן מאנטאג'דיגען, און דינסטאג, און מיטוואך.

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל שליט"א:** עס קען זיין אז מען האט זיך געשלאגען, זיי זענען אריין און ארויס, און דעם לעצטן מאל האבן זיי פארברענט דעם בית המקדש. אבער ביז דעמאלטס האט מען זיך געהאלטן אין איין שלאגען.

**רבינו:** אכלו ושתו שביעי שמיני ותשיעי איז נישט משמע אזוי, עס זעהט אויס אז עס איז געווען דערנאך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אין מדרש (דב"ר א-יז), אז עס זענען געווען ששים רבוא מזיקין, וואס זענען געווען גרייט, אז ווער עס איז אריינגעקומען אין בית המקדש, אומגעוואונטשענע, האבן זיי ערלעדיגט. און יודען זענען געווען זיכער אז די אויבים וועלן נישט קענען אריינקומען, נאר דער אייבערשטער האט מהפך געווען די נעמען פון די שרים, און זיי האבן גארנישט געקענט טון (איכ"ר ב-ה). עס קען זיין אז יעדער שפאן וואס זיי זענען געגאנגען אין בית המקדש, האט גענומען צייט, ווייל עס זענען

---

[י] בספר **דברי תורה** (ח"ו אות נ', ובח"ט אות יא) הביא שידוע ומקובל כי בישיבת **הגה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ל** בעסקם בעומק העיון, היתה זאת - על פי פקודת רבו - המשרה של זקיני **הגה"ק רבי רבי משה ליב זי"ע מסאסוב**, להזכיר בכל עת הכתוב 'שויתי ה' לנגדי תמיד' ע"ש.

געשטאנען דארט מזיקין, און עס האט גענומען צייט ביז זיי האבן צוגעלאזט אלץ מער און מער, ביז צום קדשי קדשים. זיי זענען טאקע אריינגעקומען אין בית המקדש, אבער ווילאנג זיי האבן געקענט אנקומען צום מזבח, און צום קדשי קדשים, איז געווען שפעטער. צום מזבח זענען זיי אנגעקומען תשעה באב צופרי, און ערשט לעת ערב האבן זיי פארברענט דעם בית המקדש. זיי האבן נישט געקענט אזוי לייכט איינעמען, יעדע טריט איז געווען מיט א גזירה.

**נכדו הרב הלל כ"ץ שליט"א:** אין **יוסיפון** איז משמע אז עס האט געדויערט צייט יעדע שפאן וואס מען איז אריין (בחורבן בית שני).

**רבינו:** איז עס א חידוש, אז מען האט געזאגט שיר ווילאנג מען שלאגט זיך מיט די אויבים[יא].

---

[יא] בסעודה שלישית פ' דברים (שבת חזון) דהאי שתא, ביאר **רבינו שליט"א** דזהו שאמר הכתוב (תהלים קלז-א) על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון, על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו, כי שם שאלונו שובינו דברי שיר ותוללינו שמחה, שירו לנו משיר ציון, איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר (תהלים קלז-א). על פי מה דאיתא בגמרא (תענית כט.) כשחרב בית המקדש בראשונה, אותו היום תשעה באב היה, ומוצאי שבת היה [יום ראשון], והלויים היו אומרים שירה ועומדים על דוכנם. ומה שירה היו אומרים, וישב עליהם את אונם וברעתם יצמיתם (תהלים צד-כג), ולא הספיקו לומר יצמיתם ה' אלקינו, עד שבאו נכרים וכבשום וכו'. משחרב הבית בראשונה נתקבצו כיתות כיתות של פרחי כהונה, ומפתחות ההיכל בידן, ועלו לגג ההיכל, ואמרו לפניו רבונו של עולם הואיל ולא זכינו להיות גזברין נאמנין יהיו מפתחות מסורות לך, וזרקום כלפי מעלה, ויצאה כעין פיסת יד וקיבלתן מהם ע"כ. ונראה דזהו הכוונה שאומרים (בתפלת מוסף) ואין אנו יכולים לעלות ולראות ולעשות חובותינו בבית בחירתך 'מפני היד שנשתלחה במקדשך', שרומז על היד של מעלה שקיבלה חזרה מפתחות המקדש.

ובגמרא (ערכין יא:) הקשו, שירה דיומיה (של יום ראשון) לה' הארץ ומלואה, וישב עליהם את אונם בשיר דארבעה בשבת הוא. ומשני אילייא [קינה] בעלמא הוא דנפיל להו בפומייהו ע"כ. והיינו להודיעם כי ברעתם נחרב הבית, וברעתם יצמיתם. אמנם יש להבין הלא אמרו (תענית שם) בשבעה באב נכנסו נכרים להיכל, ואכלו וקלקלו בו שביעי שמיני ותשיעי. סמוך לחשיכה הציתו בו את האור וכו' ע"ש. והיא פליאה עצומה שגויים מרקדין בבית המקדש ומקלקלין בה זה שלשה ימים, והלויים עדיין עמדו על הדוכן בשירה וזמרה לה'. ועל כרחך דכיון שלא מיחו בהם האויבים, ובידם עדיין לומר שירה, לא הזניחו תעודתם, ועמדו על הדוכן בשיר.

וזהו שאמר הכתוב, על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון. ואמר, כי אז בציון עמדנו על הדוכן עד הרגע האחרונה בשיר,

*

**רבינו:** מען האט מיך געפרעגט נעכטען, צו ביי א וואכנאכט, מעג דער טאטע אנטון א שטריימעל (בתשעת הימים מראש חודש עד תשעה באב).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** וואס עפעס? עס איז שבת?

**רבינו:** עס איז א וואכנאכט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מעיקרא דדינא פירכא, ווי שטייט אז ביי א וואכנאכט דארף מען גיין מיט א שטריימעל.

**רבינו:** מען גייט דאך היינט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך ווייס נישט צו דאס איז א מנהג מאז ומקדם, צו דאס איז נאר א לעצטערע מנהג.

**רבינו:** מען רעדט דאך אבער, אז איינמאל עס איז שוין געווארן אזוי אז מען גייט שטענדיג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז נישט דער גאנצער ציבור. עס איז דא א גרויסע חלק פונעם ציבור וואס גייט נישט.

**רבינו:** כמעט נישט. דו ביסט שוין לאנג נישט געווען אויף א וואכנאכט.

**רבינו פנה להגה"צ רבי יהושע רובין שליט"א אבד"ק באבוב 45:** ביי ענק גייט מען?

**אבד"ק באבוב 45:** ניין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ביי יעדן ברית איז מען יא געגאנגען [אדמו"י באבוב כששימשו בסנדקאות בכל ימות השנה], און דאס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח תקנא-א) אז דער סנדק גייט מיט בגדי שבת, און מען טוט נישט אזוי[יב].

---

ועל 'ערבים' בתוכה, שנתערבה ונתבלבלה דעתינו לומר שיר של יום רביעי ביום ראשון, ובעת שיר זה שנתערבבה 'תלינו כנורותינו', שלא הספיקו לגמרה לומר יצמיתם ה' אלקינו, והוצרכנו לתלות כנורותינו. וכאשר ראו זאת שובינו שגם בעת החורבן, שנכנסו כבר האויבים עדיין אמרנו שירה, על כן שאלונו שובינו דברי שיר, להמשיך גם עתה בשירתנו, ושירו לנו משיר ציון. אמנם אינו דומה זה לזה, כי שם אמרנו שירה בבית ה', אם כי נכנסו כבר האויבים, עשינו עדיין מה שמוטל עלינו עד כמה היה אפשר, אבל איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר, ואם אשכחך ירושלים תשכח ימיני.

[יב] נעתיק מתוך שיחת **רבינו שליט"א** עם **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** ב' דחנוכה תש"ע לפ"ק:

**האדמו"ר מתולדות אהרן היה לבוש בבגדי שבת אחר שמחת ברית מילה בבית מדרשו ואמר:** די טאטע ז"ל ביי יעדע ברית וואס ער איז געווען סנדק, איז ער געגאנגען אנגעטוהן מיט די שבת'דיגע בגדים.

**רבינו:** ביי א בר מצוה [מותר ללבוש בגדי שבת]?
**הגה"צ מסערדאהעלי:** די זעלבע זאך.
**רבינו:** עס איז מעגליך אז די בגדי שבת היינט האט פארלוירן די חשיבות, וואס אמאל איז געווען חשובע בגדים אויף שבת[יג].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** היינט איז עס מער חשוב. די שטריימעל איז גאנץ א אנדערע מלבוש. אמאל האט ער נאר געהאט א שענערן הוט, א שענערן רעקל. היינט גייט מען מיט א בעקיטשע און שטריימעל, עס איז גאר חשובע מלבושים.
**רבינו:** בגדי שבת אין די ניין טעג אז מען זאל נישט גיין איז נישט מדינא דגמרא.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז מער מגוהץ, עס איז מער שענער, עס איז ניכר כיבוסו.
**רבינו:** אפילו אויף דעם שטייט אויך נישט אין די גמרא אז עס איז אסור, אויב מען האט עס שוין איינמאל אנגעהאט.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** פון דעסטוועגן דאך איז עס נאך שטארק.
איך האב געהערט א שיינע זאך פון **רבי הערשעלע ווייטצענ'ער** (**הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל**) א ראיה פון ש"ס אז מען דארף גיין מיט א שטריימעל און בעקיטשע. ווייל תוספות ברענגט צו אין בבא קמא (לז.), אז עס איז פארהאנען אזא זאך א מועד צו דעם טאג. א אקס איז א מועד נאר אויף שבת, ער שטויסט נאר שבת. פרעגט תוספות וואס הייסט אז ער איז א מועד לשבתות, און טאמער ער שטויסט דינסטאג איז ער א שור תם. זאגט ער, אז ער זעהט מענטשען זענען אנגעטון שיין, ווערט ער אזוי אפעדיג און ער שטויסט. אזוי שטייט אין ירושלמי (שם ד-ב). האט ער געזאגט, שבת איז מען דאך געגאנגען מיטן זעלבן הוט און מיטן זעלבן רעקל, נאר עס איז געווען אביסל מער זויבער. דער אקס קען זעהן, אז ער גייט א שענערן רעקל? אלא מאי איז א ראיה, אז מען גייט מיט א שטריימעל און בעקיטשע.
**רבינו** (בצחות): וועגן דעם איז דער אקס נישט א תם...
**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז א גרויסער חכם. ער איז א חכם צו שטויסן, חכמים המה להרע (ירמיה ד-כב).
**רבינו** (פנה **לאבד"ק באבוב 45**): היינט איז דעם זיידענס יארצייט (**כ"ק האדמו"ר מהר"ש מבאבוב זצ"ל**). דער ברודער זאגט נאך אז ער איז אמאל געווען אויף א פדיון הבן מיטן זיידען, און ער האט געהאט א מעשה מיט ברכת כהנים, פארצייל די מעשה.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געהאט א פדיון הבן ביי אייער שוואגערס א קינד (**הרה"ג רבי יוסף אונגער שליט"א, בן כ"ק האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א, חתן הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א**), עס איז נישט געווען קיין סאך פדיון הבן'ס בחייו פונעם זיידען (אצל נכדיו), און דער מנהג איז, אז דער כהן בענטשט דאס קינד נאכן

---

**רבינו:** סיי ווען ער איז געווען סנדק, און סיי ווען ער איז געווען מוהל?
**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ביי מוהלות נישט, נאר ווען ער איז געווען סנדק.
**רבינו:** וואס איז דער חילוק?
**האדמו"ר מתו"א:** איך ווייס נישט, אפשר ווייל דער סנדק איז דאך אזוי ווי א מזבח וואס מען איז מקטיר דערויף די קטורת (כמו שכתב **הרמ"א** (יו"ד סימן רס"ה סעיף י"א) בשם **המהרי"ל** דיפה כח הסנדק מכח המוהל להקדימו לקריאת התורה דכל סנדק הוי כמקטיר קטרת, ועיין עוד **בשו"ת חתם סופר** (או"ח סימן קנט).
**רבינו:** אין הלכה זענען זיי איניג דער סנדק און דער מוהל, זיי האבן די זעלבע הלכה לגבי אנטון בגדי שבת אין די ניין טעג (עיין סימן תקנ"ט סעיף ח' **ברמ"א**).
דער **סאטמארער רב זכרונו לברכה** אין סאטמאר פלעגט אויך אנטוהן בגדי שבת ווען ער האט געהאט א סנדקאות, און אין ניו יארק האט ער אויפגעהערט.
**האדמו"ר מתו"א:** ער וואלט עס ווען קיינמאל נישט אויסגעטוהן...
**רבינו:** מען זאגט נאך, אז מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער האט אויפגעהערט, האט ער געזאגט, איעדער ווערט דאך קאליע אין אמעריקע, איך האב אויך געמוזט מיט עפעס קאליע ווערן, האב איך דאס אויסגעקליבן.
**האדמו"ר מתו"א:** מתוך מיעוט עוונות.. מען זאגט דאך נאך פון צדיקים, אפשר פונעם **אהבת ישראל**, אז ביי חסידים איז אלץ דא מיעוט עוונות, ווי למשל קלאטשען אין שבת, אדער שטיין ביים בענטשען וכדומה, דאס איז מתוך מיעוט עוונות, עס איז דא פארשידענע זאכן וואס מען קען נישט אייביג משלים זיין.
**רבינו:** ביי חסידים האט מען געזאגט, אז די עבירות וואס מען טוט ביים רבי'ן, דאס איז מכפר אויף די מצוות וואס מען טוט אין שטוב.

[יג] ומבואר **במגן אברהם** (סימן תקנ"א סק"כ) דאיסור לבישת בגדי שבת הוא משום דגיהוצן ניכר, ועיין **ביד אפרים** (שם) דהיכא שאינן מגוהצין ממש יש להקל. ובזמנם היה חשיבות בגדי שבת במה שהיו מגוהצים יותר וכדומה. ועיין עוד **באשל אברהם** (בוטשאטש, ריש סימן תקנ"א) שדן בענין בגדי שבת שלובשים גם בזמנים אחרים, כגון ראש חודש וחול המועד, אי יש להם דין בגדי שבת. [יצוין שבסעודת הוואכנאכט של נין **רבינו שליט"א** בן לנכדו **הרב יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א** שהתקיים בליל ראש חודש אב תשע"ז לפ"ק השתתף **רבינו שליט"א** מלובש בבגדי שבת].

פדיון. דער **טאטע ז"ל** פלעגט צו בענטשען זיצענדיג. עס שטייט אז דער כהן זאל זיצען, און דער עולם זאל שטיין. איך מיין אז דער **באבוב'ער רב** איז אויך געשטאנען. אזוי שטייט דאך למשחה (במדבר יח-ח), לגדולה (חולין קלב:), דער כהן דארף זיצען (כן כתוב **בשו"ת מהר"י ברונא** סימן קכ"ב).

**אבד"ק באבוב 45:** מען שטעלט זיך אויף, אזוי ווי פאר די מביאי ביכורים.

**והמשיך הגה"צ מסערדאהעלי:** ווען עס איז געקומען צו ברכת כהנים, האב איך געוואלט בענטשען דאס קינד זיצענדיג (והראה היאך שרצה להניח ב' ידיו על ראש הילד לברכו).

**רבינו:** דו בענטשסט מיט צוויי הענט?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא.

**רבינו:** דער טאטע האט געבענטשט מיט צוויי הענט?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא.

**רבינו:** זיכער?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא, אזוי ווי ברכת כהנים, וישא אהרן את ידי"ו (ויקרא ט-כב)[יד]. דאס וואס עס שטייט אין א טייל ספרים אז מען זאל בענטשען מיט איין האנט, דאס איז נאר ביי א ישראל (עיין **בביאור הלכה** סימן קכ"ח ד"ה דזר)[טו].

**והמשיך בסיפור הדברים:** האט ער מיר געזאגט, ברכת כהנים איז דאך בעמידה. זאג איך אים, אזוי האב איך געזעהן ביי מיין טאטען, אז ער האט געבענטשט זיצענדיג. זאגט ער, אבער ברכת כהנים איז בעמידה. איך האב מקבל געווען זיינע ווערטער, פון דעמאלטס אן האב איך טאקע משנה געווען, און איך שטיי ביי ברכת כהנים. אז דער **טאטע ז"ל** איז געזעסן, און מן הסתם איז דער זיידע (**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**) אויך געזעסן. - די שאלה איז, צו דאס איז א חלק פונעם פדיון הבן, עס איז א חלק פון למשחה לגדולה, אדער עס איז א זייטיגע זאך, ער בענטשט דאס קינד, און ממילא דארף ער בענטשען שטייענדיג.

**בנו הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א:** אין חב"ד איז דא ברכת כהנים אויך נאך א ברית, פון א כהן אויפן קינד.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אזוי?!, איך האב קיינמאל נישט געהערט.

**והוסיף:** איך בין מסופק (בענין הסיפור הנ"ל), אז אפשר האט ער מיר עס געזאגט תיכף ווען ער האט געזעהן אז איך וויל בענטשען זיצענדיג, האט ער מיר געבעטן אז איך זאל בענטשען שטייענדיג, און איך האב שוין דעמאלס געבענטשט שטייענדיג.

---

[יד] ונציין כמה מקורות בענין זה: **בארחות חיים ובכל בו** (בסדר פדה"ב) כתוב וישים הכהן 'יד ימינו' על ראש הבן, ומברכו בפסוקי ברכת כהנים ועוד. ובשאר ראשונים מוזכר שמניח 'ידו', כן היא **באבודרהם** (פרק לט), **ובמאירי** (סו"מ פסחים), **שו"ת הרשב"א** (ח"א סימן ר') בשם **רבינו חננאל**, **אהל מועד**, ובשאר ראשונים. מאידך **בספר החינוך** כתוב שמניח הכהן 'ידיו' [ואינו מוזכר שם פסוקי ברכת כהנים], וכן היא **בסדר פדין הבן למהרי"ל** שמניח שתי ידיו על ראש הבכור. - **רבינו שליט"א** נוהג להניח יד ימינו על ראש הילד ומברכו בפסוקי ברכת כהנים ושאר פסוקים.

[טו] נצטט מתוך הקדמת **רבינו שליט"א** לספרו **שמן ראש** חלק תשיעי בראשית וזה לשונו: והנה בהא דסמך משה את יהושע בשתי ידיו (במדבר כז-כג ברש"י), אמינא בה מילתא, דבספר **תורה תמימה** (פ' נשא אות קלא) כותב וזה לשונו, ואני שמעתי מאיש אמונים, **שהגר"א מוילנא** בירך את **הג"מ רי"ח לנדא מו"צ דוילנא** בשעת חופתו, והניח ידו אחת עליו בשעת הברכה. ושאלוהו על ככה, והשיב כי לא מצינו ברכה בשתי ידים רק לכהנים במקדש ע"כ. ולכאורה הרי כאן סמך משה את יהושע בשתי ידיו. ובפשטות יש לחלק, דסמיכה לחוד, וברכה לחוד.

אמנם יש לומר עוד, דמצינו בגמרא (בבא מציעא נט:) דרבי אליעזר אחר שברכוהו, לא היה שבקה ליה דביתהו למיפל על אפיה, ההוא יומא ריש ירחא הוה, ואיחלף לה בין מלא לחסר וכו', אשכחתיה דנפל על אפיה וכו' ע"ש. וראיתי להקשות הא מבואר **ברמ"א** (או"ח קלא-ב) שאין נפילת אפים אלא במקום שיש ארון וספר תורה בתוכו ע"ש. ואיך נפל רבי אליעזר נפילת אפים בביתו (עיין **בעטרת זקנים** שם). ותירצו דאיתא בגמרא (סנהדרין סח.) שרבי אליעזר אמר שתי זרועותי הן כשתי ספרי תורה, ואמרו (סוטה מט.) משמת רבי אליעזר נגנז ספר תורה ע"כ, הרי שהיה נחשב הוא עצמו לספר תורה, ולפיכך היה יכול ליפול על פניו גם בביתו ע"כ (ועיין **באוהב ישראל** בליקוטים). - ומצאתי סמוכין לדבר בספר **עשרה מאמרות להרמ"ע** (חיקור הדין ח"א פרק כג, והובא **בהגהת חתם סופר** או"ח קלא-ב) ע"ש.

וכמו כן יש לומר לענינינו, כי הצדיק שהוא מרכבה להשכינה, הרי הוא כבית המקדש ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), וכמו שאמר הכתוב היכל ה' המה (ירמיה ז-ד). ומשה רבינו עצמו הוא מקדש. וכמו שפירש **בתפארת שלמה** (פ' תרומה) ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן וגו', וכן תעשו (כה-ט). כי משה רבינו היה בעצמו תבנית המשכן וכליו, כי הוא מובחר האנושי, וככל אשר אני מראה 'אותך' את תבנית המשכן, כן תעשו ע"ש. וכיון שכן שפיר סמך את יהושע בשתי ידיו, כי במקדש פורסין שתי ידים לברכה ע"כ.

**וניחמו רבינו:** המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, און מען זאל הערן נאר גוטע בשורות, זי זאל זיין א מליצה יושר פאר אונז אלע.

*

***שבת קודש פרשת דברים***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי זושא מהאניפאלי זי"ע** (מתוך הספר י"ג אורות ח"ב). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א**, דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה בבארא פארק.

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**הגה"ק מצאנז זי"ע** אמר, שכל הצדיקים השיגו מדריגות עליונות על ידי כח התורה, זולת **הרבי ר' זושא והרבי ר' הערש מרימנוב**, שהשיגו על ידי גרזינים (זיי זענען געגאנגען מיט העק אין הימל). פירוש הדברים, כי כדי לפתוח דלת הסגורה, צריכים מפתח המיוחד לה. אבל יכולים להכנס גם בלי מפתח, על ידי שבירת הדלת. וכן בדבר הזה, שעל פי פשטות משיגים מדריגות עליונות רק על ידי לימוד התורה הרבה מאוד, אבל הרבי ר' זושא והרבי ר' הערש השיגו מדריגות נשגבות בדרך עבודה המיוחד שלהם.

**והוסיף רבינו:** מען דערציילט אויך אויפן **בעל שם טוב הק'**, אז ער האט געהאט א תלמיד **רבי דוד פירקוס**, און ער פלעגט צו זיין דער בעל מקרא ביים בעל שם טוב הק' יעדן ראש השנה. און ווי דער סדר איז, אז דער בעל מקרא דארף קענען די כוונות פון די תקיעות. [לעולם דארף עס קענען דער בעל תוקע, אבער דער בעל תוקע איז טרוד אז ער זאל קענען בלאזן כדינו, טוט עס דער בעל מקרא אינזין האבן, ווען ער איז מקריא די תקיעות]. און דער בעל שם טוב הק' פלעגט מיט אים אדורכגיין יעדע יאר די כוונות פון די תקיעות, און ער פלעגט זיך פארצייכענען אויף א צעטל, און ער האט עס געהאט אין זיין מחזור, און אזוי האט ער מכוון געווען די כוונות.

**איינמאל** ווען ער האט נישט באמערקט, האט דער בעל שם טוב הק' צוגענומען די צעטל פונעם מחזור. און ער הייבט אן צו זוכען די כוונות, און ער טרעפט עס נישט. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געמוזט מקריא זיין, אבער ער האט מקריא געווען מיט זייער א צובראכען הארץ, אז ער האט נישט די כוונות פונעם בעל שם טוב הק', אז ער זאל עס קענען מכוון זיין.

**נאכען** דאוועגען האט אים דער בעל שם טוב הק' געזאגט, איך האב דיר צוגענומען די צעטל פון די כוונות, ווייל די כוונות זענען שליסלעך, וואס מיט דעם זאל מען קענען צוקומען ביי יעדע תקיעה וויסן וואו מען דארף עפענען אויבן אין הימל די שערי רחמים. אבער עס איז דא א האק אויך וואס קען אויפברעכן די טירן, דאס איז א צובראכען הארץ. א לב נשבר ונדכא קען צוקומען אהין אן די שליסלעך.

*

**הרבי ר' שמעלקא מניקעלשבורג** ואחיו **בעל ההפלאה** היו תלמידים אצל **המגיד ממעזריטש**. יש שמסופקים בזה, כי ההפלאה אינו מביא את הרבי ר' בער בספרו **פנים יפות**.

**והעיר רבינו:** עס איז דא א טייל וואס זאגן אז עס איז יא געווען, נאר בשעת מען האט געדרוקט דעם **פנים יפות** האבן עס די מתנגדים ארויסגענומען. - כמדומה לי אז עס איז שוין היינט דא די כתב יד פונעם פנים יפות, און עס שטייט נישט קיין ווארט פונעם **רבי ר' בער**. - זעהט אויס אז אין די מקומות וואו ער איז געווען, אין פראנקפורט און אין דייטשלאנד, איז נישט געווען דער ציבור פאר וועם ער זאל זאגען אזעלכע דברי תורה, האט ער נישט געזאגט די סארט דברי תורה.

*

פעם שאלו **הגה"ק רבי שמעלקא מניקלשבורג** ואחיו **הגה"ק רבי פנחס בעל ההפלאה** את רבם **המגיד ממעזריטש**, על הא דאיתא בגמרא (ברכות ס:) חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, וצריך לקבלינהו בשמחה, דאיך אפשר לקבל את הרעה בשמחה. והורה להם המגיד ממעזריטש לשאול את תלמידו **הרבי ר' זושא** שנמצא שם בבית המדרש. ונכנסו לבית המדרש ומצאוהו לבוש בגדים קרועים וסובל

מרעב, וכששאלו אותו פירוש הגמרא, השיב להם, שאלה זו צריכין לשאול לאחרים, כי לי לא אירע מעולם שום דבר רע. - וזה גופא היתה התשובה על שאלתם, דחייב אדם לעבוד על עצמו, להאמין באמת ובלב שלם דכל מה דעביד רחמנא לטב עביד עד שלא ירגיש שאירע לו שום רעה.

**והעיר רבינו:** דער **רבי ר' זושא** איז געווען א עני ואביון, ער האט נישט געהאט קיין ברויט צו עסן. דער הייליגער **קאמארנער** (בספרו **נוצר חסד** בליקוטי פנינים בסופו) ברענגט צו פון זיין שווער **רבי מרדכי פינטשוב'ער**, וואס האט געהערט פונעם רבי ר' זושא אליין, אז דער רבי ר' זושא האט זיך אמאל פארגענומען אז ער גייט פון קיינעם נישט בעטן אז מען זאל אים מחזיק זיין. געווענליך פלעגן זיך מענטשען מרחם זיין, און מען האט אים געברענגט צו עסן. עס איז אמאל געווען א צייט וואס קיינער האט אים נישט געברענגט צו עסן, און דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען אין מויל, אזוי ווי צוויי אבנים, וואס פון איינעם האט ער יונק געווען דבש, און פון דעם אנדערן מילך, און פון דעם האט ער זיך אויפגעהאלטן אפאר חדשים. ביז עס איז געקומען א עושר, און ער איז איינגעשטאנען דארט אין בית המדרש, און ער האט אים צוגעברענגט צו עסן, און עס איז ביי אים צוגענומען געווארן דאס וואס מען האט אים געגעבן פון הימל. ווייל עס איז נישט געווען אין דער גאנצער געגענט א יוד וואס זאל האבן אזא זכיה אז ער זאל קענען מחיה זיין דעם רבי ר' זושא, ער זאל אים ברענגען צו עסן, האט מען פון הימל אים דאס געגעבן. - און דער רבי ר' זושא האט געזאגט, אז ער ווייסט אפילו נישט וואס דאס מיינט שלעכטס, אז ער זאל קענען מסביר זיין דעם חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה.

**מען** געפונט אין די גמרא צוויי ערליי לשונות, אויף דעם ענין פון מקבל צו זיין דעם רעה אזוי ווי עס איז גוט. אמאל שטייט אין די גמרא (ברכות ס:) אז עס איז געווען אזעלכע וואס האבן געזאגט, כל מה דעביד רחמנא לטב. אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, איז צו גוטנס. און נחום איש גמזו האט געזאגט אויף יעדע זאך, גם זו לטובה (תענית כא.). וואס איז די חילוק פון די צוויי, צו מען זאגט גם זו לטובה, צו מען זאגט כל מה דעביד רחמנא לטב.

**כל** מה דעביד רחמנא לטב איז דער טייטש, אז עס קען זיין אז דאס וואס איז יעצט, איז שלעכט, עס איז נישט גוט, אבער די תוצאה דערפון וועט זיין גוט. יעצט איז טאקע נישט גוט, אבער כל מה דעביד רחמנא, וואס דער אייבערשטער טוט, לטב, עס וועט ארויסקומען דערפון א גוטס. יעצט איז נאך דא א רעה, און מען דארף אויסווארטן אז עס זאל קומען דער טוב. גם זו לטובה איז דער טייטש, אז ער איז אזא מאמין אינעם אייבערשטען, אז עס איז נישט דא קיין רעה, גם זו, דער שלעכטס אליין, דאס איז דער טובה. דאס איז געווען דער רבי ר' זושא, אז ביי אים איז נישט געווען א זאך וואס איז געווען רעה, עס איז געווען גם זו לטובה, אלעס וואס איז געווען האט ער מקבל געווען אז עס איז גוט.

*

**הגה"ק מצאנז** שידך את בתו הרבנית הצדיקת רייצא עם **הגה"ק רבי מאטעלע מהארנאסטייפל** (בן הרה"ק רבי זושא מטאלמאטש, בן הרה"ק רבי מיכל קירעמער, בן הרה"ק רבי הירש מענדל, בן הרבי ר' זושא).

**והוסיף רבינו:** אמאל ביי א ברית האב איך געהערט פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אז די וועלט זאגט, אז עס איז דא עפעס א געוויסע מעשה אויפן **צאנזער רב**, אז בשעת ער האט געזוכט א שידוך פאר די טאכטער וואס האט שפעטער גענומען **רבי מאטעלע הארנאסטייפלער**, האט מען אים קודם אנגעטראגען דעם **אבני נזר** פאר א איידעם. און די וועלט זאגט אז ווען ער האט אים פארהערט, האבן זיי זיך עפעס צואמפערט. און צום סוף איז נישט געווארן דער שידוך מיטן אבני נזר. און אנשטאט דעם האט ער גענומען דעם רבי מאטעלע הארנאסטייפלער. - ווען דער סאטמארער רב האט פארציילט די מעשה, האט ער נאכדעם געזאגט, דער צאנזער רב האט נישט געמאכט א שלעכטען טויש.

*

בעת כתיבת התנאים כשהתחיל כל אחד לפרט את שלשלת היוחסין שלו, כנהוג, הזכירו שהחתן הנו נכד בן אחר בן של הרבי ר' זושא, ואחרי כן רצו להמשיך שהנו גם נכד המגיד מטשערנאביל, בעל התניא, הבעל שם טוב הק' ועוד. נענה הגה"ק מצאנז ואמר, כבר די בכך, ואין צורך להוסיף עוד.

וסיפר על זה **הגה"ק מצאנז, שהמגיד ממעזריטש** התחיל להתענות בשנותיו האחרונות, והתלמידים דאגו על כך, כי לא היה לפי כוחותיו. נמנו וגמרו שאחד מן התלמידים יכנס אליו להשתדל אצלו שיחדול מתעניותיו, ובחרו בהרבי ר' זושא בהיות שהוא היה הגדול מהן בשנים. נכנס הרבי ר' זושא ואמר, הנה הרבי מתענה, והלא הרבי חלוש מדי ואפס כח לסבול סיגופים אלה. אמר לו המגיד, איך אתה מוכיח אותי בענין הזה, בשעה שאתה בעצמך הנך מרבה בתעניות, אם תקבל עליך לאכול לכל הפחות ביומא דפגרא, אז אפסיק מתעניותי. והבטיח לו הרבי ר' זושא שיעשה כן.

וכאשר הגיע אחר כך יומא דפגרא, נכנס הרבי ר' זושא מבית המדרש לבית הרבנית ממעזריטש, וביקש ממנה שתבשל איזה דבר לצורכו, כי צריך לקיים הבטחתו לבעלה המגיד הקדוש. ענתה לו שאין לה כלום בבית, אבל אם ישאר בביתה לשמור את התינוק שמוטל בעריסה, תצא לשוק לקנות דבר מה. והסכים לזה. ביד הרבי ר' זושא היה אז ספר **של"ה הק'** שבו היה לומד, ובשעה ששמר את התינוק, המשיך בלימוד. כעבור רגעים מספר התחיל התינוק לבכות, ורצה הרבי ר' זושא לסגור את הספר ולטפל בהתינוק. אולם ברגע ההוא הופיע השל"ה הק' מגן עדן ואמר לו, תמשיך נא ללמוד בספרי ואני אטפל בהתינוק. וסיים הגה"ק מצאנז ואמר, אם השל"ה הק' בעצמו בא מגן עדן להשגיח על תינוק כדי שהרבי ר' זושא ילמוד בספרו, כבר די בכך, ואין צורך להוסיף עוד יחוס ליוצאי גזעו.

**והסביר רבינו:** די גמרא זאגט, אז אויב מען זאגט נאך א דבר שמועה פון א צדיק פון יענע וועלט, איז שפתותיו דובבות בקבר. אין יענע וועלט איז נישט דא קיין תורה און קיין מצות, עס איז נאר א עולם פון גמול, א עולם פון שכר. מצות און מעשים טובים קען מען נאר טון אויף די וועלט. אבער אז מען זאגט נאך דברי תורה פון איינעם וואס איז שוין נסתלק געווארן, איז שפתותיו דובבות בקבר. עס איז נישט אז אויבן אין הימל האט ער א עליה, נאר ער איז נאך דא אויף די וועלט, ער איז נישט געשטארבען, זיינע ליפן רעדן, און זיי זאגען נאך די דברי תורה, ממילא האט ער א עליה פון די מצות און מעשים טובים אויף יענע וועלט אויך. און אז דער **רבי ר' זושא** האט געלערנט די דברי תורה פונעם **של"ה**, איז דער של"ה אראפגעקומען נישט צו שטערן דעם רבי ר' זושא, אז ער זאל ווייטער ממשיך זיין צו לערנען אין זיין ספר.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**